בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא

תשפ"ד

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וֶועלְכֶע זַאכְן זָאל אִיךְ אַרוֹיסְזָאגְן בַּיי "וִידּוּי דְבָרִים"?.......................א
פַאְרוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי צֶעמִישְׁט פַאר מַיין חֲתוּנָה?.......................ד
פָאְרן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אוֹיב מֶען קֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם?.........ו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, גוּט צוּ דִי וַוייבּ.......................................א
אִיךְ רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען.......................................א
פַאְרוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין גְרָאבְן אַ קֶבֶר?.......................ג
מִיט תְּפִלָּה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועט מֶען בְּקָרוֹב זִיצְן בַּיים לְחַיִּים..........ד
סְגוּלוֹת פַאר אַ פְּרוּי, צוּ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער.......................................ה
וִוילְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, לֵייג אַרַיין אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר רֶבִּי מֵאִיר'ל..........ו
בַּיי לִיכְט צִינְדְן אִיז אַ צַייט וָואס דִי הִימְל עֶפְנְט זִיךְ.......................ז
לוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען וֶוען עֶס אִיז דְרֵיי עֶקֶעדִיג.......................ח
זִיץ אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים.......................י
וִוי וַואגְט מֶען זִיךְ מִתְחַצֵּף צוּ זַיין פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?.......................יא
עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן אַוֶועקְשְׁטֶעלְן זֵייעֶר לֶעבְן ....יב
נָאר דֶער וָואס טוּט, שְׁלָאפְט נִישְׁט אַיין.......................................יב

דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט ....................................... יג
פַארְשִׁידֶענֶע וֶועגְן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן בֵּית פֵיגָא ................................ יד
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת ................................ טו
אָנְצִינְדְן נָאר הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע מוּזִיק ................................ טז
אוֹיבּ מֶען הָאט גֶע׳גַנֶבְ׳עֶט, דַארְף מֶען בַּאצָאלְן ................................ יז
בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת דַארְפְן דַאוֶוענֶען מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ ................................ יח
רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ פַארְשְׁמִיר מַיינֶע אוֹיגְן ................................ יט
דַיינֶע בָּחוּרִים זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָנְטוּן קוּרְצֶע רֶעקְלֶעךְ ................................ כא
טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבְ׳ס צְנִיעוּת ................................ כב
כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת ................................ כג
פַאר דִי זְכוּתִים צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, רֶעכְנְט מֶען נָאר דִי חֶסֶד ................................ כד
לְכָבוֹד דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג, מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ................................ כה
רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית ................................ כו
אֵיין תֵּירוּץ אִיז דָא; אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט קוּמֶען, קוּמְט מֶען ................................ כח
מִיט עַקְשָׁנוּת דִקְדֻשָּׁה קוּמְט מֶען אָן צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן ................................ כט
אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן, וֶועלְן מִיר זֶען יְשׁוּעוֹת ................................ לא
לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה ................................ לג
קוֹיף אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ אַז זִי שִׁיקְט דִיךְ קַיין אוּמַאן ................................ לד
אַז מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְן זִיךְ לִיבּ, עֶפְנְט זִיךְ דִי הִימְל ................................ לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועלְכֶע זַאכְן זָאל אִיךְ אַרוֹיסְזָאגְן בַּיי "וִידּוּי דְּבָרִים"?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן "וִידּוּי דְּבָרִים". אַלֶעמָאל וֶוען אִיךְ וִויל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְפֶּעצִיעֶל בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיבֶּערְצוּגֵיין מַמָּשׁ אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין לֶעבְּן - דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פִילֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן, אָבֶּער עֶס קוּמְט אַרוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעקוּקְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין פוּן פְרִישׁ שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּרִים, אִיךְ וֶוער פוּן פְרִישׁ נִכְשָׁל אִין טְרַאכְטְן פוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִתְוַדֶּה זַיין בִּכְלָל, אִיךְ וִויל נִישְׁט נָאכְאַמָאל טְרַאכְטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

שׁוֹין צְוֵויי יָאר וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּשׁוּט גֶעשֶׁעמְט. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אָבֶּער בַּאשְׁלָאסְן אַז גֶענוּג גֶעוַוארְט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אוּן אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס מֶען טוּט אִיבֶּער דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן אוּן וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג אַרוֹיס אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אַרַיין נָאכְאַמָאל דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ה), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - גֵייט אַרַיין דִי עֲבֵירָה אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן נָאר דוּרְךְ אַרוֹיסְזָאגְן דִי עֲבֵירוֹת לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, פַארְן צַדִיק - גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע צֵרוּף וָואס אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁפִּירְן טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן נח), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, וָואס פְּלֶעגְט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער אִיד אִיז לֹא עָלֵינוּ קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דֶער אִיד הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען זִיכֶער נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי קֶען זַיין אַז דֶער חוֹלֶה צוּ וֶועם מִיר פָארְן יֶעצְט עֶר הָאט דָאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וִוי קֶען זַיין עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט?״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶס אִיז טַאקֶע וָואר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ וָואר אַז דֶער אִיד הָאט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְן אֱמֶת׳ער צַדִיק, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן דֶערְפַאר פָאר אִיךְ צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִתְוַדֶּה זַיין - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ מֶער קְרַאנְק

און עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן ׳גֶעוַואלְד, וַויי וַויי׳ - פוּן גְרוֹיס וֵוייטָאג, בִּיז עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, אוֹיבְן אִין הִימְל רֶעכְנְט מֶען אִים נִישְׁט דִי עֲבֵירוֹת וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, און אוֹיךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן דִי קְלִיפּוֹת און דִי חִיצוֹנִים נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם כֹּחַ אוֹיף אִים וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אָבֶער וִוי לַאנְג עֶר לֶעבְּט נָאךְ וֶועלְן דִי חִיצוֹנִים זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אִים״.

וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען און אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״זָאג מִיר דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ וֵוייסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט און אוֹיךְ אִיךְ וֵוייס״, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דְרֵיי מָאל, אָבֶער דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: ״אוֹי וַויי, אוֹי וַויי״ - אוֹיף דַיינֶע וֵוייטָאג וַוייל זַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

דַארְפְסְט נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז דוּ קוּמְסְט קֵיין אוּמַאן צוּ מְקַיֵים זַיין וִידּוּי דְבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, קֶענְסְט שׁוֹין יֶעצְט - וֶוען דוּ בַּאקוּמְסְט דִי בְּרִיוו - זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן און זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחְשָׁבָה - אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וּבְדִבּוּר - אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע רֵייד, וּבְמַעֲשֶׂה - אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

פַארְמַאךְ דַיינֶע אוֹיגְן און זָאג: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיינֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי בּוּשָׁה, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה און דָאס אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט מִיט מַיינֶע פְּגָמִים, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן ... און גֶעטְרַאכְט ... און גֶערֶעדְט ...; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ מַאךְ יֶעצְט וִידּוּי דְבָרִים פַאר דִיר, בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם אַרוֹיס מַיינֶע עֲבֵירוֹת פוּן מַיינֶע בֵּיינֶער און מֹחַ מַחֲשָׁבָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ׳עֶ תְּשׁוּבָה, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי צֶעמִישְׁט פַאר מַיין חֲתוּנָה?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה וָואס הַאלְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן פַאר דִי חֲתוּנָה, אוּן מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן גְרָאד, אוּן וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ קוּק זִיךְ אַלֵיין אָן זֵייעֶר מָאדְנֶע, פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין מַיין פְרֵיילִיכְסְטֶע טָאג אִין לֶעבְּן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ מִיט מַיין מַאן זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן צוּזַאמֶען זָאלְן מִיר בּוֹיעֶן אַ מִשְׁפָּחָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן פוּן אִינֶעווֵייניג, אִיךְ פְרֶעג זִיךְ אַלֵיין פַארְוָואס בִּין אִיךְ בִּכְלַל אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן, וָואס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעפֶּעלְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ? פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן דִי גַאס אוּן מַאכְן אַ לֶעבְּן?

אִיךְ ווֵייס אַז עֶס הֶערְט זִיךְ מָאדְנֶע, אָבֶּער אִיךְ דַארְף הִילְף צוּ מַאכְן סֵדֶר אִין מַיינֶע הֶרְגֵּשִׁים, יֶעדֶע מִינוּט וִויל אִיךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט.

קֵיינֶער זָאגְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת אוּן צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן, צוּ קֶענֶען זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, נִישְׁט נָאר צוּ שְׁפִּילְן אַ שֵׁיינֶעם שְׁפִּיל פַאר מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת לוֹיפְן כְּסֵדֶר אַרוּם אוֹיף אַלֶע וֶועגְן, אוּן אִיךְ וִויל בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין חָתָן, אוּן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ אוֹיסְגְרָאדְן מַיין מֹחַ אוּן מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

צֶעבְּרֶעכְט אַייךְ נִישְׁט פוּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, אַסַאךְ כַּלּוֹת אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ חֲתָנִים גֵיין אַרִיבֶּער דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן 'לָאמִיךְ אַנְטְלוֹיפְן אוּן שׁוֹין'; וַוייל אַז אִיר גֵייט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיר גֵייט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט, אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה - וֶוערְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צֶעדְרֵייט אוּן זוּכְט ווִי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן וְכוּ', מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', בִּלְבּוּלִים וְכוּ'; אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁהוּא סָמוּךְ אֵצֶל הַפֶּתַח אָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְהַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד", וֶוען דִי קְלִיפּוֹת זֶעעֶן ווִי זֵיי גֵייעֶן פַארְלִירְן, זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדוּשָּׁה - דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא", וַוייל דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, "כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה", וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי קְדוּשָּׁה, "וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס", עֶר גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה, "אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִים אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, "רַחֲמָנָא לִצְלָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן.

אִיר ווִילְט אַנְטְלוֹיפְן, מַאכְן אַ לֶעבְּן; הֶערְט אוֹיס וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, הֶערְט וֶוערְטֶער פוּן אַ קְלוּגֶער אִיד: "נִישְׁטָא אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן, מַאכְן אַ לֶעבְּן"; אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין 'מַאכְן אַ לֶעבְּן'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט), "דִי וֶועלְט אִיז דִי גֵיהִנּוֹם, נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה"; נָאר דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער מַאכְט אַ לֶעבְּן, נָאר דֶער וָואס נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶר לוֹיבְט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְט אָן שְׁפִּירְן

דִי לוֹיטֶערֶע לִיכְטִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר דֶער מַאכְט אַ לֶעבְּן.

מַאכְט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה צוּ דִי חֲתוּנָה, גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן; דִי לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן קְלַאפְּן דִי וֶוערְטֶער: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה צוּ דִי חֲתוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פָּארְן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים, אוֹיב מֶען קֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זָאל אִיךְ פָּארְן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אֲפִילוּ אוֹיב אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיפְן וֶועג קֶען אִיךְ נִכְשָׁל וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם? אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן - הָאט נִישְׁט מִיט פָּארְן צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק, דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס מֶען הָאט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט; וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט - דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוּן אַז מֶען קֶען גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת - אִיז זִיכֶער מֶען זָאל גֵיין אוּן פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

צִיוּן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס דֶער רֶבִּי קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶּער "רֹאשׁ הַשָּׁנָה" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - "קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין, אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען צוּ מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו); אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועֶן, מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמִירַת עֵינַיִם, טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה - דַארְף מֶען זִיכֶער פָארְן קַיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### פִּירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, גוּט צוּ דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן דַיין וַוייבּ אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ אִיר, דוּ פִּירְסְט זִיךְ עֶרְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אִיךְ רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מַאלֶעוֶוען אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד זִיצְט מִיט טַלִית וּתְפִילִין אוּן אַ גוֹי שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים מִיט אַ שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע שְׁטִיק גָאלְד אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, דֶער אִיד וַוייזְט מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן מוֹיל אַז עֶר קֶען נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן, אוּן פוּן הִימְל קוּמְט אַרָאפּ אַ בֶּעבִּי וָואס גֵייט אַרוֹיס אַ שְׁטְרַאל פוּן זַיין פָּנִים.

אִיךְ הָאף אַז דִי מְלַמְדִים בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר וֶועלְן נֶעמֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת מִיט דִי בִּילְדֶער אוּן דָאס אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער

דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דַאוֶוענֶען און פוּן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען. אוֹיךְ דִי לֶערֶערִינְס אִין בֵּית פֵיגָא וֶועלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידוֹת דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען, פוּן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען און דִי שְׂכַר צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין; צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים, וֶוען מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען.

דִי נָאמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז 'אִיךְ רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען'.

"מִיסְטֶער, קֶען יוּ גִיוו מִי טוּ דָאלַער פָאר דִיס פִּיס?"

"שַׁא... נוּ... שַׁא..."

"מִיסְטֶער, גִיוו מִי וָואן דָאלַער..."

"נוּ... שַׁא..."

דֶער אִיד רֶבִּי אַבְרָהָם רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט פַארְן דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ עֶר קֶען מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַיְהִי הַיּוֹם, רֶבִּי אַבְרָהָם זִיצְט מִיט טַלִית וּתְּפִילִין און אַ גוֹי קוּמְט צוּ אִים מִיט אַ טֵייעֶרֶע שְׁטִיק גָאלְד וָואס אִיז וֶוערְד אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלֶער און פְרֶעגְט אִים: "מִיסְטֶער, קֶען יוּ גִיוו מִי טוּ דָאלַער פָאר דִיס פִּיס?" אוֹיבּ עֶר ווִיל אָפְּקוֹיפְן דֶעם שְׁטִיק גָאלְד פַאר צְוֵויי דָאלֶער, "שַׁא... נוּ... שַׁא..." - עֶנְטְפֶערְט אִים רֶבִּי אַבְרָהָם, זָאגְט דֶער גוֹי: "מִיסְטֶער, גִיוו מִי וָואן דָאלַער..." עֶר אִיז גְרֵייט עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אֵיין דָאלֶער, אָבֶּער רֶבִּי אַבְרָהָם עֶנְטְפֶערְט אִים: "נוּ... שַׁא...", דֶער גוֹי זֶעט אַז דֶער אִיד רֶבִּי אַבְרָהָם בְּרֶעכְט נִישְׁט זַיין גוּטֶער מִנְהָג, עֶר רֶעדְט נִישְׁט פַארְן דַאוֶוענֶען און זִיכֶער נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוֹיבּ גֵייט דָאס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

דֶער גוֹי גֵייט צוּ אַ צְוֵויטְן, יֶענֶער זֶעט ווִי שֵׁיין דִי שְׁטִיק גָאלְד אִיז, און פַאר אֵיין דָאלֶער קֶען עֶר וֶוערְן אַ מִילְיָאנֶער, קוֹיפְט עֶר דָאס גְלַייךְ אָפּ און וֶוערְט אַ רִיזִיגֶער עוֹשֶׁר.

אַ רַעַשׁ און אַ טוּמְל אִיז גֶעוָוארְן אִין הִימְל, רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת אַבִּי נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַארְן דַאוֶוענֶען, מֶען רוּפְט

אוֹיס אִין הִימְל אַז פַארְן אַוֶועק גֶעבְּן אַ שְׁטִיק גָאלְד נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַארְן דַאוֶּונֶען וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן אַ קִינְד אַ שְׁטִיק גָאלְד, עֶר וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד מִיט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דִי טַאטֶע פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אַ קִינְד ווִיל דִיךְ שְׁטֶערְן אִינְמִיטְן דַאוֶּונֶען, עֶר רֶעדְט צוּ דִיר, עֶר שְׁטֶערְט דִיר - וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער דַאוֶּונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל בַּיים דַאוֶּונֶען רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין גְרָאבְּן אַ קֶבֶר?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּם צוּרִיק, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַ צַדִיק.

הוֹיבּ אָן גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶּונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין אַרַיינְלֵייגְן אִין קֶבֶר, וַוארְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶוען דֶער מַלְאָךְ וֶועט קוּמֶען, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר דַארְפְן גֵיין אִין קֶבֶר, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיין גְרָאבְּן אַ קֶבֶר מִיטְן סמ'-פָאוֹן?

קֵיינֶער זוּכְט נִישְׁט דִיךְ אוּנְטֶער צוּ בְּרֶענְגֶען, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט צוּ דַיין ווַייבּ קֶעגְן דִיר; דַיין שְׁווִיגֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט פַיינְט, דָאס אִיז אֵייגֶענֶע אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶענֶע אוֹיפְגֶעטְרַאכְטֶע דִמְיוֹנוֹת וָואס אַלֶע לַיידְן פוּן דֶעם, אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם.

הֶער מִיךְ צוּ, אִיךְ בִּין דִיר אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע נְגִיעוֹת בַּיים שְׁרַייבְּן פַאר דִיר דִי פָּאר וֶוערְטֶער, אִיךְ ווִיל נָאר עֶס זָאל דִיר גוּט זַיין, דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריקַייטְן אוּן אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת, אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת אוּן אַלֶעס בֵּייגֶעקוּמֶען - זָאלְסְטוּ נִישְׁט יֶעצְט אַלֶעס פַארְלִירְן.

טְרָאסְט מִיךְ, גְלֵייבּ וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט רֶעדְט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס צוּ דַיין וַוייבּ אוֹיף דִיר; דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ, עֶס אִיז אֵייגֶענֶע דִמְיוֹנוֹת.

שְׁרַייבּ מִיר דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ נֶעמְסְט אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער, דוּ גֵייסְט צוּרִיק דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל, שְׁרַייבּ מִיר נָאכְן צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, דַיין אַלְטֶע לִיבֶּער חַבֵר וָואס הָאט דִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט אִין דַיינֶע אַלֶע שְׁוֶוערֶע טֶעג, אוּן שְׁמַייס אַרַיין אִין יַם הַמֶּלַח דִי נַייעֶ בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע סְמַארְט טֶעלֶעפָאוֹן וָואס בְּרֶענְגְט אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן חֲלוֹמוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִיט תְּפִלָּה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועט מֶען בְּקָרוֹב זִיצְן בַּיים לְחַיִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ טְרַאכְט יֶעדְן טָאג - נִישְׁט אֵיין מָאל - נָאר אַסַאךְ מָאל וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַייעֶר בָּחוּר, עֶר אִיז מִיר אַזוֹי בַּאלִיבְּט, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת פוּן טְרֶעפְן פַאר אִים אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

זָארְגְט נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן עֶנְק זִיצְן בְּקָרוֹב בַּיי זַיין לְחַיִּים.

אִיךְ בִּין אִים זֵייעֶר מְקָרֵב, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶער, עֶר הָאט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיר מֶעגְט אִים וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### סְגוּלוֹת פַאר אַ פְרוֹי, צוּ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס עֶנְק זֶענֶען יֶעצְט אַרִיבֶּער, עֶנְק הָאבְּן פַארְלוֹירְן וְכוּ׳, נָאכְן זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען מִיט טְרִיטְמֶענְטְס וְכוּ׳; עֶס אִיז עֶנְק זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער ..., שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַז עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - אִיז דָאס אוֹיךְ גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים, עֶר מַאכְט נָאר גוּט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת מַפֶּלֶת, סִימָן א): "עַל יְדֵי פַּחַד הָאִשָּׁה מַפֶּלֶת" דוּרְךְ שְׁרֶעק קֶען אַ פְרוֹי פַארְלִירְן וְכוּ׳. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ מַאגְנֶעט פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל עֶס טְרָאגְן מִיט זִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ב): "סְגֻלָּה לְמַפֶּלֶת נְפָלִים שֶׁתִּשָּׂא אֶצְלָהּ מַגְנֵט", אוּן אוֹיךְ אִיז דָא אַ סְגוּלָה: "גַּם תִּשָּׂא אֶצְלָהּ חֲתִיכַת עֵץ מִקֶּבֶר הַצַּדִּיק" זִי זָאל טְרָאגְן מִיט זִיךְ אַ שְׁטִיקְל הָאלְץ פוּן אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק; אַז מֶען זֶעט אַ בּוֹים הֶעכֶער אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל צְוַוייג אוּן דָאס הַאלְטְן מִיט זִיךְ, "גַּם יִתֵּן צְדָקָה", אוֹיךְ אִיז צְדָקָה אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן וְכוּ׳.

אויךְ זָאל זי נִישְׁט גֵיין מִיט גָאלְדֶענֶע צִירוּנְג, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "אִשָּׁה הַמַּפֶּלֶת נְפָלִים" אַ פְרוֹי וָואס פַּארְלִירְט וְכוּ׳ - "לֹא תֵלֵךְ בְּקִשּׁוּטֵי זָהָב" זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין גָאלְדֶענֶע צִירוּנְג.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר עֶנְק און אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן בְּקָרוֹב גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## ווילְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, לֵייג אַרַיין אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר רֶבִּי מֵאִירְ׳ל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, שד״ר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען אויף וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר מִיטְן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, כְּהַיּוֹם הַאלְטְן מִיר בַּיי זִיבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת נָאר אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ; אַ חֵדֶר און בֵּית פֵיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַ חֵדֶר און בֵּית פֵיגָא אִין בְּנֵי בְּרַק און אִין טְבֶרְיָה, און אויךְ אַ יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם.

טֵייל אוֹיס פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פּוּשְׁקֶעס וָואס עֶס זָאל שְׁטֵיין דֶערוֹיף: "צִדְקַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס", אַז וֶוער עֶס וִויל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן זָאל אַרַיינְלֵייגְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר רֶבִּי מֵאִירְ׳ל. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִיקִים, רֶבִּי מֵאִירְ׳ל נֶעמְט אויךְ פְּרוּטוֹת, אויךְ קְלֵיינֶע סְכוּמִים, און מֶען קֶען זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אויף דַיין פְרַאגֶע, וֶוען מֶען מַאכְט פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ לְהַמְתָּקַת הַדִינִים, אוֹיבּ מֶען קֶען דָאס לֵייגְן אִין דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, אָדֶער דָאס דַארְף גֵיין דִירֶעקְט אִין דִי הַאנְט פוּן דֶער וָואס מַאכְט דִי פִּדְיוֹן? מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט (שו״ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק ד, מִכְתָּב תנ) אַז מֶען קֶען מַאכְן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ דוּרְךְ גֶעבְּן אִין דִי פּוּשְׁקֶע וָואס קוּמְט אָן צוּם צַדִיק, מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט: "בְּוַדַּאי אִם יְכוֹלִים לָתֵת לִידֵי הַצַּדִיק מַה טוֹב

וּמַה נָּעִים" אַוַדַאי אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען קֶען דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין דִי הַאנְט פוּנֶעם צַדִּיק, "אֲבָל אִם לֹא, יְכוֹלִים לְהַכְנִיס בְּקֻפַּת הַצְּדָקָה שֶׁלּוֹ" אָבֶּער אַז מֶען קֶען נִישְׁט - קֶען מֶען גֶעבְּן דִי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אִין דִי פּוּשְׁקֶע.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקלט): "טוֹב מְאֹד לִיתֵּן בְּכָל עֵת עַל פִּדְיוֹנוֹת לְצַדִּיקִים" עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פִּדְיוֹן, "וַאֲפִילוּ שֶׁלֹּא בְּעֵת צָרָה חַס וְשָׁלוֹם" אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צָרָה, מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דִי אוּנְגַארִישֶׁע אִידְן גֶעבְּן אַסַאךְ פִּדְיוֹנוֹת פַּאר צַדִּיקִים, דֶערִיבֶּער זֶעעֶן זֵיי שְׁטֶענְדִיג נִסִּים, זֵיי זֶעעֶן יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## בַּיי לִיכְט צִינְדְן אִיז אַ צַייט וָואס דִי הִימְל עֶפְנְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

לִכְבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אָנְצוּצִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט אַפָּאר מִינוּט פַּארְן זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת, אוּן בֶּעטְס בַּיי דִי לִיכְט פַּאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בֶּעטְס בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט פַּאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי לִיכְט אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט; בַּיי דִי לִיכְט אִיז אַ צַייט וָואס דִי הִימְל עֶפְנְט זִיךְ, אוּן דֶערְפַּאר הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אוּן טֶעכְטֶער, אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דָא אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַּאר אַלֶע אִידְן, זָאלְסְט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אַלֶע אִידְן דִי לִיכְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן"; אַזוֹי דַארְפְן אַלֶע פְרוֹיעֶן בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער! גֶעבּ מִיר אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת, אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיט

שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין מַאן אוּן אִיךְ זָאל אִים שֶׁעצְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דִי שְׁטוּבּ, אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן דִיר, אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### לוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען וֶוען עֶס אִיז דְרֵיי עֶקֶעדִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶונֶען בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט), וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען דָאס לֶעבְּן פַארְן חָכָם, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אִין יֶעדֶע זַאךְ נָאר דִי חֶסְרוֹנוֹת, אוּן דֶער תָּם הָאט גֶעזוּכְט אִין יֶעדֶע זַאךְ דָאס גוּטְס, אוּן אֲפִילוּ דִי שִׁיךְ מִיט דִי דְרֵיי עֶקְן הָאט עֶר אַזוֹי אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן אוֹיסְגֶערוּמְט, אוּן אַז דִי עֶסְן אָדֶער דִי ווַייבּ אִיז דְרֵיי עֶקֶעדִיג - דַארְף מֶען דָאס לוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרוּמֶען, אַזוֹי לֶעבְּט מֶען אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קנד) וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁהִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ", וָואס אִיז דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת? "הוּא רַק עַל יְדֵי עִנְיַן 'פְּרָאסְטִיק' (פְּשִׁיטוּת)", נָאר ווַייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, "שֶׁהָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה וּמֵשִׂיחַ הַרְבֵּה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאָמַר תְּהִלִּים

הַרְבֵּה בִּפְשִׁיטוּת", און אויך דורךְ זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, "וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הִגִּיעַ לְמַה שֶּׁהִגִּיעַ", און אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען ווִי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען.

מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי שִׂיחָה, וַוייל דָאס קֶענֶען מִיר נָאכְטוּן, מִיר קֶענֶען זָאגְן תְּהִלִּים און מִיר קֶענֶען אַלֶע שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מִיר פְּלֶעגְן הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און פון זַיין הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און פון אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים; זֵייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֵייעֶרֶע תַּעֲנִיתִים, זֵייעֶרֶע סִיגוּפִים, ווִי זֵיי פְּלֶעגְן זִיךְ פַּיינִיגְן זֵייעֶר גוּף פַאךְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בְּרֶעכְן אַייז, זִיךְ טוֹבֵל'עֶן אִין דִי ווִינְטֶער אִין טַייךְ; הָאבְּן מִיר גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף נָאכְצוּמַאכְן, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אוּנְזֶערֶע גוּפִים, מִיר זֶענֶען שְׁוַואכֶע בַּאקְוֶועמֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר וֶועלְן שׁוֹין צַדִּיקִים נִישְׁט זַיין, אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט אַזַא שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט "שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁהִגִּיעַ לְמַדְרֵגָתוֹ", וָואס אִיז דִי סוֹד ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת? "הוּא רַק עַל יְדֵי עִנְיַן פְּשִׁיטוּת", נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, "שֶׁהָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה וּמֵשִׂיחַ הַרְבֵּה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט און אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאָמַר תְּהִלִּים הַרְבֵּה בִּפְשִׁיטוּת", און דורךְ זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, "וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא הִגִּיעַ לְמַה שֶּׁהִגִּיעַ", דָאס קֶענֶען מִיר אַלֶע נָאכְמַאכְן.

הַיינְט פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִתְפַּלֵּל זַיין מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אִין קֶווִינְס בַּיים אוֹהֶל, אִיךְ נֶעם מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן זָאלְן זֵיי שְׁטֶענְדִיג גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר אַלֶע וָואס וַוארְטְן אוֹיף שִׁידוּכִים, און אוֹיף דִי וָואס וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אַלֶע אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן.

אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קֶענֶען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְפָארְן פוּן אַמֶערִיקֶע וְכוּ' - זָאלְסְטוּ מִיר לָאזְן ווִיסְן,

וַוייל אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן אַ מִנְיָן אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וִויל נִישְׁט לָאזְן דִי שְׁטֶעטְל אָן קַיין מִנְיָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כְּדֵי דִי פְרוּוֶועָן זָאלְן קֶענֶען הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זִיץ אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אִיז - זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן; ווַאוּיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גֵייט אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

מַאךְ זִיךְ אַ הוֹיפְן (פֵייל) סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - אוּן זִיץ אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים. צֶעטֵייל דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, הוֹיבּ אָן זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, בִּיז סוֹף וָואךְ זָאלְסְטוּ עֶנְדִיגְן דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, דָאס זָאל דִיךְ נִישְׁט שְׁוַואךְ מַאכְן פוּן לֶערְנֶען, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): ״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין״, בַּיים לֶערְנֶען דַארְף מֶען נִישְׁט - נָאר אֵיין זַאךְ, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ אַז מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען שַׁ״ס כְּסִדְרָן זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג (אוֹיסֶער דִי בְּלַאט בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי), עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אוּנְטֶער אַ שָׁעָה; עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן אִין לֶעבְּן,

דִי תּוֹרָה מַאכְט לִיכְטִיג, דִי תּוֹרָה מַאכְט זִיס, מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ פְּלַאן פַאר דַיין וַוייבּ וואוּ זִי זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זֶע זִי זָאל זַיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב; אוֹיבּ בַּיי אִיר מַאמֶע וֶועט מֶען מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אִיר - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיבּ זֵיי ווִילְן אִיר אַרֵיינְנֶעמֶען, אָדֶער זָאל זִי בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**ווִי וַואגְט מֶען זִיךְ מִתְחַצֵּף צוּ זַיין פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ...**

אִיךְ הֶער אַז מֶען הָאט זִיךְ מִתְחַצֵּף גֶעוֶועזְן בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל פַאר ר' ... שְׁלִיטָ"א וֶוען עֶר הָאט מְעוֹרֵר גֶעוֶועזְן אַז מֶען זָאל דַאוֶוענֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין צַייט.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל זָאל אַזוֹינְס פַּאסִירְן, אוּן אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן אוֹיךְ עֶלְטֶערֶע אִידְן; ווִי וַואגְט זִיךְ אֵיינֶער זִיךְ צוּ מִתְחַצֵּף זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?! ווִי מֶעג זַיין אַזַא זַאךְ בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, אוּן ווִי קֶען זַיין אַז דִי גַבָּאִים שְׁטֵייעֶן אִין דֶער זַייט אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט מוֹחֶה?

אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר גַבַּאי, דַארְפְסְטוּ זֶען אַז דֶער שׁוּל זָאל זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ, מֶען זָאל דַאוֶוענֶען אִין צַייט אוּן מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן אַוֶועקְשְׁטֶעלְן זֵייעֶר לֶעבְּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵּק זַיין נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בִּפְרַט יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער, זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן זֵייעֶר לֶעבְּן, זַאכְן זָאלְן נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן נִישְׁט בַּאדֶערְן.

רֶעדְט נִישְׁט קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן אַייעֶר לֶעבְּן וְכוּ', אָבֶער בִּכְלָלִיּוּת זָאלְט אִיר יָא רֶעדְן, אִיר זָאלְט זָאגְן אַז בַּיי אַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט אוֹיךְ גֶענוּמֶען צַייט בִּיז דִי שְׁטוּבּ שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן זִינְגְט אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְגְט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, אוֹיךְ בֶּעטְס פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**נָאר דֶער וָואס טוּט, שְׁלָאפְט נִישְׁט אַיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, זָאלְסְטוּ

עֶפֶּעס טוּן פַארְן שְׁטֶעטְל, אַזוֹי וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן פְּרִישׁ מְקוֹרָב, ווייל נָאר דֶער וָואס טוּט – שְׁלָאפְט נִישְׁט אַיין.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיד): "הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי", דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, "אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד", קֶען אִיךְ צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, "וִיקַנֵּא מְאֹד אֶת הַמְקֹרָבִים אֵלָיו", אוּן אַלֶע וֶועלְן מְקַנֵּא זַיין מַיינֶע מְקוֹרָבִים, "מִכָּל שֶׁכֵּן אֶת מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהוֹשִׁיט לוֹ וְכוּ'", בִּפְרַט דִי וָואס הֶעלְפְן מִיר אֲפִילוּ נָאר מִיט בְּרֶענְגֶען פֵּייעֶר, עֵיין בְּהַשְׁמָטוֹת.

לֵייג זִיךְ צַייטְלִיךְ אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס, לֶערְן יֶעדְן פַארְטָאגְס לְכָל הַפָּחוּת צְוֵויי שָׁעָה דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין טוּן פַאר פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי מֶען שְׁטוּפְּט דִיךְ אַוֶועק, מֶען אִיז דִיךְ מְרַחֵק פוּן הִימְל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? דָאס דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף יֶעדֶער וָואס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְּמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶּער – פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וּבֶאֱמֶת כָּל

הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

**מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן פוּן אוּנְזֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה:**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא): "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן, צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד", רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן וָואס וֶויינִיגֶער, דֶערְפַאר זֶענֶען זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מְקַבֵּל אַ 'תַּעֲנִית דִיבּוּר' נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען נִיצְט דֶעם דִיבּוּר נָאר צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### פַארְשִׁידֶענֶע וֶועגְן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן בֵּית פֵיגָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דִי מְנַהֶלֶת אַז אִיר הָאט גֶעבֶּעטְן אִיר ווִילְט הֶעלְפְן דִי סְקוּל פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אוּן אִיר ווִילְט וֶוערְן אַ טִיטְשֶׁער; דָאס וַוייזְט אַז אִיר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל פַאר בֵּית פֵיגָא, אִיר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע הַכָּרַת הַטּוֹב, לְמַעֲשֶׂה דִי יָאר דַארְפְן מִיר נִישְׁט נָאךְ טִיטְשֶׁערְס, דִי יָאר הָאבְּן מִיר שׁוֹין גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז נָאךְ אִין קְלַאס - קֶען מֶען הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי סְקוּל, דוּרְךְ זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ אַלֶעס וָואס דִי סְקוּל זָאגְט. אִיר קֶענְט מִיר דִי יָאר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן בֵּית פֵיגָא דוּרְךְ זַיין אַ תַּלְמִידָה וָואס הַאלְט מִיט

אַלֶעס וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט; סַיי בַּיים דַאוֶונֶען, מִיט צוּ דַאוֶונֶען מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, סַיי בַּיים לֶערְנֶען, אוֹיסְהֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, סַיי בַּיים טַאנְצְן, זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי סְקוּל, אוּן בַּיים עֶסְן, מִיט עֶסְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דִי עֶסְן וְכוּ'.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אִיר נָאךְ זַיין אַ טִיטְשֶׁער בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא, אָדֶער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אָדֶער שְׁפֶּעטֶער, אָבֶער אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אַייךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בֵּית פֵיגָא, אִיר ווִילְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן הֶעלְפְן - דַארְפְט אִיר נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען עֶמְטְלִיךְ אַ פָּאסְטְן, אִיר קֶענְט שׁוֹין יֶעצְט הֶעלְפְן.

בַּיים דַאוֶונֶען זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן פוּן סִידוּר, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן קַיין אֵיין מֵיידְל; קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּקְט אִין סִידוּר אוּן בֶּעט פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת. בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת דַארְפְן דַאוֶונֶען מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ, וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז תְּפִלָּה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צג): "מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז תְּפִלָּה"; מִיט דֶעם וֶועט אִיר מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער דַיין גֶעשְׁרֵיי ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם; דִי וֶועג צוּ יְשִׁיבָה אוּן דִי וֶועג אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, דוּ וֶוערְסְט מַמָּשׁ פַארְבְּרֶענְט.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ..., שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי

עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל דִיךְ אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אוֹיפְן בָּאס וֶוען דוּ פָּארְסְט צוּ אוּן פוּן יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ מִיט זִיךְ הָאבְּן אַ זֶעקֶל סְפָרִים מִיט אַ תְּהִלִּים, זָאלְסְט זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים; חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, תִּיקוּנִים וְכוּ', אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן וֶועג - זָאלְסְטוּ פַארְמַאכְן דַיינֶע אוֹיגְן אוּן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִתְבּוֹדֵד זַיין. מֶען קֶען זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן זַיין אַלֵיין, מֶען קֶען זִיצְן אִינְאֵיינֶעם - אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְּרִיצוּת".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעוֶוער קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה - הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" - אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אָנְצִינְדְן נָאר הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע מוּזִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תְּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פִיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעבְּן

פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַזוֹיפִיל הַארְץ אוּן אַזוֹיפִיל קָאפּ אוּן מֹחַ - אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא מִיט דִי תַּלְמִידוֹת, יֶעדֶע תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא זָאל מַצְלִיחַ זַיין, קַיין אֵיין תַּלְמִידָה זָאל נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי בַּיי אוּנְז טַאנְצְן דִי מֵיידְלֶעךְ יֶעדְן טָאג, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָנְצוּצִינְדְן קַיין צֶעווִילְדֶעוֶועטֶע מוּזִיק, נִישְׁט קַיין מוּזִיק פוּן נִישְׁט הֵיימִישֶׁע זִינְגֶערְס. אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל הֶערְן בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען נִישְׁט הֵיימִישׁ, עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן. דִי סְקוּל דַארְף הָאבְּן אַ כֵּלִי מִיט כָּשֶׁר'עֶ נִיגוּנִים וָואס נָאר דָאס קֶען מֶען אָנְצִינְדְן, אוּן בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן אָנְצִינְדְן וָואס אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

אוֹיךְ קֶענֶען נִישְׁט קַיין מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל בְּרֶענְגֶען טֶעלֶעפָאוֹנְס, אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערֶע תַּלְמִידוֹת קֶענֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין סְקוּל קַיין טֶעלֶעפָאן, מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן דִי קִינְדֶער, מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע בִּילְד וָואס מֶען שִׁיקְט פוּן אֵיינֶעם צוּם צְווֵייטְן - קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַסַאךְ לַיידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אוֹיבּ מֶען הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט, דַארְף מֶען בַּאצָאלְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אוֹיבּ מֶען הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט - דַארְף מֶען בַּאצָאלְן, אוּן אַז מֶען הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶועזְן יוּנְג, מֶען הָאט גֶענוּמֶען פוּן גֶעשֶׁעפְטְן אַלְס קִינְד וְכוּ' - דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל מֶען הָאט גֶענוּמֶען - אוּן דָאס בַּאצָאלְן, אוּן אוֹיבּ מֶען בַּאצָאלְט אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - דַארְף מֶען נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין עוֹנֶשׁ הַגִּלְגּוּל.

אַז מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי פְּלֶעצֶער וואו מֶען הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט, אָדֶער

מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וְכוּ' - דַארְף מֶען גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר צָרְכֵי רַבִּים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה כט.): "גָּזַל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ לְמִי גָּזַל, יַעֲשֶׂה בָּהֶם צָרְכֵי רַבִּים", אוֹיבּ מֶען הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט און מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וֶועם מֶען הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט - זָאל מֶען טוּן צָרְכֵי רַבִּים, אַזוֹי וֶועט מֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גְּזֵלָה, הֲלָכָה ה') אַז דִי גְרֶעסְטֶע צָרְכֵי רַבִּים אִיז דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל דוּרְךְ דִי סְפָרִים וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי גְרֶעסְטֶע צָרְכֵי רַבִּים אִיז דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן און דָאס פַארְפְּלֵייצְן.

אַז אִיר הָאט גֶענוּמֶען קְלֵיידֶער פוּן בַּאזַאר, אִיר הָאט גֶעמֵיינְט עֶס אִיז בְּחִנָּם - זָאלְט אִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיר הָאט גֶענוּמֶען און דָאס בַּאצָאלְן. דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט מַיין גֶעלְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם; עֶס אִיז הֶקְדֵּשׁ גֶעלְט, עֶס בַּאלַאנְגְט פַאר דִי מוֹסָד.

צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, מֶען קֶען אוֹיף אַלֶעס תְּשׁוּבָה טוּן, און אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת דַארְפְן דַאוֶונֶען מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הֶער זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף אַייךְ פוּן אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, וִוי שֵׁיין אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ און מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

לֵייגְט אַרַיין אַייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ אִין דַאוֶונֶען, בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת דַארְפְן דַאוֶונֶען מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צג): "מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה", עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אֵיין

שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן תְּפִלָּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן פד): "דַּע, שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִילָּה", דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶוערְט מֶען אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי הַתְּפִילָּה הוּא שַׁעַר, שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם נִכְנָסִין לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי טוֹיעֶר אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרֶע חַבֶר'טֶעס, זֵיי זָאלְן הָאבְּן חִיזּוּק אוֹיף תְּפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ פַארְשְׁמִיר מַיינֶע אוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי צָרוֹת וָואס דוּ לַיידְסְט אִין לֶעבְּן, וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט זִיךְ דָאס נִישְׁט אַלֵיין גוֹרֵם; פוּן דִי פְּגָמֵי הַבְּרִית, פוּן מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן, זִיךְ פַארְשְׁמִירְן מִיט קוּקְן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן; וַוייל אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן מֶען פַאלְט נָאכְדֶעם אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְכְדֶעם קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס פַּיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): "עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, בּוֹרֵא קְלִפּוֹת הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו, וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת, אוּן דִי קְלִיפּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ מִיט אִים אוּן טוּעֶן אִים אָפּ שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים.

גֵיי אִין פֶעלְד שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ**

פַארְשְׁמִיר מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק נִיאוּף, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן פוּן דֶעם. אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אִיךְ וֶועל דָאס קֶענֶען אָפְּלָאזְן, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, מַאךְ אַ נֵס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, דַף קי) : "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד - גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ', זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דָאס אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יט) אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז אַזוֹי אַוֶועק גֶעפַאלְן אוּן טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן עֲבֵירוֹת, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוּן אוֹיבּ מַאכְט מֶען זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה יֶעדְן טָאג - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן פוּן אוּנְזֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ גֵיין צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען מַאכְט דָארְט וִידּוּי דְבָרִים, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט פוּן וֶוען מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן, אַלֶעס וָואס מֶען

גֶעדֶענְקְט. מֶען זָאגְט אַרוֹיס מִיט דִי מוֹיל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי גֵייעֶן אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי בֵּיינֶער, וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיים טוּן דִי עֲבֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אַ פְרוֹי שְׁרֵייט בַּיים קֶבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו): "דוּ הֶערְסְט ווִי דִי פְרוֹי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶער קֵיינֶער הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיס, אִיר טַאטֶע אִיז בִּכְלָל נִישְׁט דָא, אָבֶער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִּיק אִיז יָא דָארְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ, וַוייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּב צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּב", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּב אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן 'טַאטֶע' וֶועל אִיךְ דִיךְ זִיכֶער הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן 'טַאטֶע', וֶועל אִיךְ דִיךְ הֶערְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דַיינֶע בָּחוּרִים זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָנְטוּן קוּרְצֶע רֶעקְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיינֶע בָּחוּרִים זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָנְטוּן קוּרְצֶע רֶעקְלֶעךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תכב) מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי בְּגָדִים וָואס מֶען גֵייט אִין דֵייטְשְׁלַאנְד, דָאס מֵיינְט מֶען דִי קוּרְצֶע רֶעקְלֶעךְ, אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען בַּאשְׁטְרָאפְן דִי וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן ווִי דִי גוֹיִם.

בִּפְרַט אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, דַארְפְסְטוּ זֶען זֵיי זָאלְן גֵיין מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער, נִישְׁט קוּרְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבְ׳ס צְנִיעוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבְ׳ס צְנִיעוּת, מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אִיר אֵיידֶעלֶע וֶועג, רַייס נִישְׁט אוּנְטֶער אִירֶע גוּטֶע מִנְהָגִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא שֶׁענֶערְס, עֶס אִיז נִישְׁטָא בֶּעסֶערְס - פוּן אַן אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט חַתוּנָה גֶעהַאט, אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי אֵיידְלְקֵייט אוּן בַּאשֵׁיידְנְקֵייט; דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ״מִמִּשְׁבְּצוֹת זָהָב לְבוּשָׁהּ״, אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי אִיז שֶׁענֶער פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער (תְּהִלִּים מה, יד).

דוּ וֶועסְט נָאךְ מוֹדֶה זַיין צוּ מַיינֶע וֶוערְטֶער, עֶס וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי הִיצִיגֶע יָארְן, דוּ וֶועסְט אַזוֹי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז עֶרְלִיךְ, זִי הָאט אַ כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן, זִי אִיז תְּמִימוּת׳דִיג אוּן רֵיין.

**מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן פוּן אוּנְזֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה:**

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ פַאסְטְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז חֲצוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקפא, סְעִיף ב): ״נוֹהֲגִים לְהִתְעַנּוֹת בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה״. מֶען גֵייט צוּם צִיוּן אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ, פַאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, עֶס אִיז ווִיכְטִיג זָאלְסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין וָואס מֶען רֶעדְט, זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן קְלוּגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶועןן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין בֵּית פֵּיגָא, אִין חֶדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ, מִיר הָאבְּן הֶערְלִיכֶע מוֹסְדוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים: "מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער מוֹסָד פוּן קֵיינֶעם".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ קֶענֶען זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, מִיר הָאבְּן שׁוֹין הַיינְט דְרֵיי יְשִׁיבוֹת; אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי אוּן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט דִי בְּלַאט גְמָרָא פַאר דִי בָּחוּרִים, ווַייל עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ אִין לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידִים דִי זַאךְ פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען גְמָרָא, לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין בְּלַאט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי מוֹסָד אָפִיס, אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר דִי אַרְבֶּעטֶערְס, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעווִיזְן אַ טְשֶׁעק פוּן אִיבֶּער דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִין דִי פָּאסְט. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסְדוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, אֵיינֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם אוֹיף דִי פָּאסְט. דִי גֶעלְט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אָן קַיין נָאמֶען (אַ גַאנְץ ווִינְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען יֶעדֶע חוֹדֶשׁ פוּן דִי זֶעלְבֶּע אַקַאוּנְט, צְדָקָה, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי נָאמֶען), אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וֶוער דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וֶועם צוּ זָאגְן שְׁכֹּחַ, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ זָאג אַ גַאנְצְן טָאג: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ לָאזְט מִיךְ נִישְׁט פַאלְן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר קֶענֶען

מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט רֵיינֶע אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן מִיט אֱמוּנַת צַדִיקִים, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין יֶעצְט פַאר אוּמַאן בִּזְיוֹנוֹת פוּן חֵדֶר אַז זֵיי פָארְן קֵיין אוּמַאן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס".

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, מֶען מוּז קוּמֶען כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל, אַז נִישְׁט שְׁלָאפְט מֶען אַיין אוּן מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפְּשְׁלָאפְן דִי גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר. קוּם צוּם שִׁיעוּר, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָדָה; נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הֶער אִיךְ אִין שׁוּל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעטוּמְלְט, אַ אִיד, אַ וואוּילֶער אִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי חֶבְרָה הַצָלָה, גֶעטוּן חֶסֶד - אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען; וֶוען מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה אַז אֵיין טָאג גֵייט מֶען אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וֶוערְט מֶען אַזוֹי פַארְלוֹירְן אוּן צֶעמִישְׁט וֶוען מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע גֶעשֶׁעעֶנִישְׁן, אָבֶּער אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה פוּן תַּכְלִית - דֶעמָאלְט גְרֵייט מֶען זִיךְ יֶעדְן טָאג אָן מִיט תּוֹרָה, מִיט תְּפִלָּה, מִיט גוּטֶע מַעֲשִׂים; מֶען וֵוייסְט אַז אֵיין טָאג וֶועט מֶען דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**פַאר דִי זְכוּתִים צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, רֶעכְנְט מֶען נָאר דִי חֶסֶד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶרְשְׁטְנְס אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְן דֶעקְן דִי רֶענְט יֶעדֶע חוֹדֶשׁ אִין יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ פַאר דִי שׁוּלְן וָואס דוּ אוּן ... דֶעקְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ; עֶנְק הֶעלְפְן מִיר

זֵייעֶר, אוּן עֶנְק הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אִין בֵּית פֵיגָא, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ טִיטְשֶׁער אוּן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט צוּאוֵוֵיינְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אִין שְׁטוּב גָארְנִישְׁט, זֵיי עֶסְן שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן סִירִיעֶל מִיט מִילְךְ, אוֹיךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט פַאר בְּגָדִים, שִׁיךְ וְכַדוֹמֶה, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי מַאכְט נִישְׁט שְׁטָאטִישֶׁע בֶּענֶעפִיטְן, דִי רֶעגִירוּנְג טֵיילְט פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס פַארְדִינֶען וֵוייִנִיג אוּן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן - פוּד-סְטֶעמְפְּס, זָאגְט זִי אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי.

וְוִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן מַיין טַייעֶרֶער ..., הֶעלְף דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן אוּן לֶעבְּן בְּצִמְצוּם - זֵיי זָאלְן קֶענֶען גֶענִיסְן פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע פְּרָאגְרַאמֶען. וַוארְט נִישְׁט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ דִיר בֶּעטְן, דוּ דַארְפְסְט דֶערְשְׁמֶעקְן דִי עֲנִיִּים בְּנֵי טוֹבִים, וָואס זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידְל, זֵייעֶר נַאטוּר אִיז נִישְׁט צוּ בֶּעטְן אוּן נִישְׁט זִיךְ אָנְלֵייגְן, זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ, זֶע זֵיי צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי עֶסְן פְּרָאגְרַאם, אוּן מִיט דִי פְּרָאגְרַאם וָואס צָאלְט הֵייצוּנְג אוּן לֶעקְטֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

הַיינְט בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא - וָואס מֶען רֶעכְנְט צַאם אִין הִימְל דִי זְכוּתִים צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ - רֶעכְנְט מֶען נָאר דִי חֶסֶד; נָאר דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**לְכָבוֹד דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג, מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידַת בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן אִין בֵּית פֵיגָא, אִיר הָאט הֲנָאָה פוּן דִי לֶערֶערִין, אִיר זֶענְט קוֹנֶה פִיל שֵׁיינֶע זַאכְן.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיב מֶען מֶעג טַייטְשְׁן דִי וֶוערְטֶער בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּיים דַאוֶונֶען, אָדֶער מֶען מֶעג נִישְׁט ווייל דָאס אִיז אַ הֶפְסֵק; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז יָא, אִיר מֶעגְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן נָאכְדֶעם דִי טַייטְשׁ, אִיר קֶענְט זָאגְן: "סְלַח לָנוּ אָבִינוּ כִּי חָטָאנוּ, זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", אָדֶער, "רְפָאֵנוּ הַשֵּׁם וְנֵרָפֵא, הֵייל מִיךְ אוֹיס אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס פְלֶעגְן אַזוֹי דַאוֶונֶען, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק.

נֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה'נֶען מִיט טַאטֶע מַאמֶע, אוּן זִיכֶער נִישְׁט זִיךְ מִתְחַצֵף זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה; דִי אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס דֶער טַאטֶע זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט פַאר חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, רֶעדְן מִיט זֵיי, שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי מִידוֹת טוֹבוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן א), פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים; בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע קִנְאָה פוּן דִי מַלְאָכִים, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר מְקַנֵא אוּנְזֶערֶע שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, דֶערִיבֶּער פְּרוּבִּירְן זֵיי אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין כַּעַס אוּן אִין מַחֲלֹקֶת, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט קְרִיגֶערֵייעֶן בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, פוּן דִי קִנְאָה פוּן

דִי מַלְאָכִים וָואס פַארְגִינֶען נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ זַיין דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַּעַס, פַארְמַאךְ זִיךְ דַיינֶע אוֹיגְן מִיט בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְג דִי זְמִירוֹת מִיט אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְגֶעס פוּן אַלְצְדִינְג, פַארְגֶעס פוּן אַלֶעס אַרוּם דִיר, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וֶועט זַיין בַּיי דַיין שַׁבָּת טִישׁ.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף עֶלְטֶערְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן מְנִיוָולִים, מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ נָאכְצוּגֵיין דִי קִינְדֶער פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, וָואס יָא? מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט זֵיי, זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם אַ פְּרֶעמְדֶער וִויל אָנְרִירְן אָדֶער הֵייסְט אִים אָנְרִירְן בַּיי אִים - זָאל עֶר אַנְטְלוֹיפְן אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, וֶועט אִים גוּט זַיין. עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן פוּן דִי זַאךְ, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוּן דִי קִינְדֶער פַאלְן אַ קָרְבַּן פַאר אַ מְנִיוָול - ווִילְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן ווִי שְׁוֶוער עֶס וֶועט זַיין.

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן פוּן דִי הַנְהָגוֹת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ:

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ריד), "עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט צוּ מַאכְן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקלט): "טוֹב מְאֹד לִיתֵּן בְּכָל עֵת עַל פִּדְיוֹנוֹת לְצַדִּיקִים", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פִּדְיוֹן, "וַאֲפִילוּ שֶׁלֹּא בְּעֵת צָרָה חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צָרָה, מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי אוּנְגַארִישֶׁע אִידְן גֶעבְּן אַסַאךְ פִּדְיוֹנוֹת פַאר צַדִּיקִים, דֶערִיבֶּער זֶעעֶן זֵיי שְׁטֶענְדִיג נִיסִים, זֵיי זֶעעֶן יְשׁוּעוֹת.

אַ גוּט שַׁבָּת, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אֵיין תֵּירוּץ אִיז דָא; אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט קוּמֶען, קוּמְט מֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי נָתָן, אִין דִי בְּרִיוו, בַּיי דִי דַאטוּם פוּן פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא - שְׁרַייבְּט עֶר: "לְסֵדֶר 'כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן'", וַוייל מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן נְסִיעָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אֵיינֶער צֶעבְּרֶעכְט זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס ווִילְן אָפְּהַאלְטְן זַיין נְסִיעָה צוּם רֶבִּי'ן. אַזוֹי ווִי רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זִינְגְט אִינֶעם לִיד שִׁיר יְדִידוּת: "שׁוֹמְרִים זֹאת תַּלְמִידָיו, מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה לְהִתְרָאוֹת לְפָנָיו, שׁוֹבְרִים עַל זֶה מְנִיעוֹת עֲצוּמוֹת, כִּי זֶה תִּקּוּנָם הַמְּיֻחָד לִפְנֵי יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת".

שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אוֹיף דַיינֶע בִּלְבּוּלִים, נִישְׁטָא קֵיין תֵּירוּצִים אוֹיף דַיינֶע קַשְׁיוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו), וֶועגְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה: "וֶועט זַיין נָאךְ אַ קַשְׁיָא", וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען קוּמֶען; מִיט נָאךְ אַ קַשְׁיָא אוּן מִיט נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אוּן אֵיין תֵּירוּץ אִיז דָא, אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת הַשֵּׁם הִיא מָעֻזְּכֶם", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן פוּן אוּנְזֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

מִיר גֵייעֶן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָנְגֶעטוּן וַוייס; פַּאק זִיךְ אֵיין אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אָדֶער אַ וַוייסֶע קִיטְל. אוֹיךְ אִיז גוּט צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מִיט נַייעֶ קְלֵיידֶער; אַ נַייעֶ הֶעמְד, מִיט נַייעֶ אוּנְטֶער וֶועשׁ, אוּן אַ נַייעֶ טַלִּית קָטָן מִיט אַ נַייעֶ קַאפְּל. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ.

אֵיין תֵּירוּץ אִיז דָא, אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט קוּמֶען - קוּמְט מֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מִיט עַקְשָׁנוּת דִּקְדֻשָּׁה קוּמְט מֶען אָן צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִּי מַעֲשֶׂה פוּן דִּי חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דִּי עֶלְטֶערְן פוּן דִּי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גֶעלְט; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וִויפִיל צָרוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פוּן גֶעלְט, אוּן נָאכְאַלְץ לוֹיפְט מֶען דָאס נָאךְ, אוּן דִּי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן גְלִיסְטְן גֶעלְט - אִיז דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִּי לָשׁוֹן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "אוּן דֶער סֵדֶר פוּן דִּי מְשָׁרְתִים, אַז פְרִיר מוּז מֶען זַיין אֵיין אוּנְטֶער מְשָׁרֵת, אוּן מֶען מוּז טָאן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אוּן מ׳נֶעמְט וֵוינִיג שְׂכִירוּת, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען עֶרְשְׁט אֵיין אֵייבֶער מְשָׁרֵת"; אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת, בַּיי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אִין אָנְהוֹיב זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּבְחִינַת אוּנְטֶער מְשָׁרֵת, קוֹים וָואס מֶען קוּמְט אָן צוּ טוּן עֶפֶּעס, בִּבְחִינַת מֶען בַּאקוּמְט וֵוינִיג

שְׂכִירוּת, דָאךְ אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען טוּט וַוייטֶער, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן אוֹיבֶּער מְשָׁרֵת.

אַז מֶען וֵוייסְט דִי הַקְדָּמָה אִין לֶעבְּן, מֶען וֵוייסְט אַז אַזוֹי גֵייט עֶס, אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען, אוּן אַז אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת - זֶענֶען קוֹדֶם גֶעוֶוען בִּבְחִינַת אוּנְטֶער מְשָׁרֵת, אוּן מִיט עַקְשָׁנוּת דִקְדֻשָּׁה זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת - קֶען מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן רלב), וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט: "הָעִקָּר הוּא הַדִּבּוּר" דֶער עִיקָר אִיז נִיצְן דֶעם דִיבּוּר; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ, "שֶׁעַל יְדֵי הַדִּבּוּר יְכוֹלִין לִכְבֹּשׁ הַכֹּל וּלְנַצֵּחַ כָּל הַמִּלְחָמוֹת" אוּן מִיטְן מוֹיל קֶען מֶען אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע מִלְחָמוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁיְּכוֹלִין לְהִתְבּוֹדֵד בְּמַחֲשָׁבָה" מֶען קֶען אוֹיךְ מִיטְן מַחֲשָׁבָה זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, "אֲבָל הָעִקָּר הוּא הַדִּבּוּר" אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַרוֹיס צוּ זָאגְן מִיטְן מוֹיל דִי תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כא, י): "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ", אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דַיין פַּיינְט, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וְכַת דִּילֵיהּ וָואס דִי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע פַּיינְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, זָאלְסְטוּ נִיצְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי מְנַצֵּחַ זַיין, דוּרְכְן נִיצְן דִי מוֹיל, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "לְעִנְיַן מַה שֶּׁקָּשָׁה עַל הָאָדָם לְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ" דָאס וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ צוּ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאךְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אוֹ לִפְנֵי הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים מַה שֶּׁבְּלִבּוֹ" אוֹיךְ דָאס וָואס עֶס קוּמְט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר צַדִּיקִים אַלֶע שְׁוֶועריְקַייטְן וָואס גֵייט אִיבֶּער, "וְכָל זֶה מֵחֲמַת בּוּשָׁה וּכְבֵדוּת שֶׁלּוֹ" עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט, "שֶׁאֵין לוֹ עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה" מֶען הָאט נִישְׁט דִי שְׁטַארְקְקֵייט וָואס מֶען דַארְף צוּ הָאבְּן וֶוען מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה, "בְּוַדַּאי הוּא שְׁטוּת גָּדוֹל" דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט, "כִּי הֲלֹא הוּא רוֹצֶה לִכְבֹּשׁ בְּדִבּוּרוֹ מִלְחָמָה חֲזָקָה שֶׁהוּא מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר" וַוייל אַז עֶר ווִיל מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן מִיטְן רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיטְן זִיךְ

דוּרְכְרֶעדְן מִיט צַדִּיקִים - וֶועט עֶר זַיי קֶענֶען מְנַצֵּחַ זַיין, "וְעַכְשָׁו" אוּן יֶעצְט, "כְּשֶׁהוּא סָמוּךְ לַדָּבָר" וֶוען עֶר הַאלְט שׁוֹין אַזוֹי נָאנְט, "וְלִכְבֹּשׁ וּלְשַׁבֵּר חוֹמוֹת וְלִפְתֹּחַ שְׁעָרִים עַל יְדֵי הַדִּבּוּר" עֶר גֵייט שׁוֹין אָט אָט צֶעבְרֶעכְן דִי פֶּעסְטֶע מוֹיעֶרְן אוּן עֶפֶענֶען דִי טִירְן, "וּבִשְׁבִיל מְנִיעָה קַלָּה מֵחֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ וְכַיּוֹצֵא יִמָּנַע חַס וְשָׁלוֹם מִלְּדַבֵּר" זָאל עֶר זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן? "כִּי הֲלֹא הַמְּנִיעָה הַזֹּאת נֶחֱשֶׁבֶת לִסְתִימָה שֶׁל קוּרֵי עַכָּבִישׁ כְּנֶגֶד הַחוֹמוֹת שֶׁרוֹצֶה לְשַׁבֵּר בְּדִבּוּרוֹ" עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ גִיבּוֹר וָואס נֶעמְט אַיין רִיזִיגֶע פֶעסְטוּנְגֶען אוּן וֶוען עֶר זֶעט אוֹיפְן טִיר אַ שְׁפִּינֶען וֶועבַּאכְץ, אוּן עֶר גֵייט צוּרִיק - אִיז דָאס אַ נַארִישְׁקֵייט אוּן אַ טִפְּשׁוּת, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז וֶוען מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; וַוייל דֶער עִיקָר נִצָּחוֹן אִיז דוּרְכְן דִיבּוּר.

הַיינְט אִינְדֶערפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אוֹהֶל מִתְפַּלֵּל זַיין, אִיךְ הָאב מִיט גֶענוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער מִתְפַּלֵּל זַיין פַּאר אַ גוּט יָאר. אִיךְ הָאב גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ.

אוֹיב דוּ בְּלַייבְּסְט דָא דִי יָאר, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט פָּארְן קַיין אוּמַאן - בִּיטֶע לָאז מִיר וִויסְן, וַוייל אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְלָאזְן אַ מִנְיָן אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק עֶס זָאל זַיין אַלֶע תְּפִלּוֹת אוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, וֶועלְן מִיר זֶען יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה הָאבְּן מִיר דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, אוּן אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעגֶעבְּן - דַארְפְן מִיר הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב אוּן צוּרִיק טוּן פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ וָואס עֶר בֶּעט.

מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט אִין דִי צַוָאָה אֵיין זַאךְ; מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, מִיר זָאלְן זִיךְ נָאר לִיבּ הָאבְּן, וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס, אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען נָאר אִין דִי אֵיין זַאךְ; אוֹיבּ עֶס וֶועט בְּלַייבְּן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז, כָּל זְמַן מִיר וֶועלְן זִיךְ פַארְגִינֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן - וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ רִיזִיגֶע הַצְלָחָה, אוֹיךְ וֶועלְן מִיר וַוייטֶער שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הִתְקַרְבוּת לְרַבֵּנוּ, מֶען קֶען שְׁפִּירְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז מִיט אוּנְז, אָבֶּער נָאר אַז דִי לִיבְּשַׁאפְט וֶועט אָנְהַאלְטְן; חַס וְחָלִילָה אוֹיבּ עֶס וֶועט גֶעלוּנְגֶען פַארְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ מַאכְן קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה צְווִישְׁן אוּנְז - וֶועט דִי קְהִילָה, דִי מוֹסָד אוּן דִי שֵׁיינֶע חַבוּרָה - צֶעפַאלְן, הָיָה לֹא תִהְיֶה, אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע טַעַם פוּן הִתְקַרְבוּת לַצַּדִּיק, וַוייל (בְּרֵאשִׁית מט, ו): "בִּקְהָלָם אַל תֵּחַד כְּבֹדִי", דֶער צַדִּיק גֵייט אַוֶועק וְוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט.

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי נֶעמְט נִישְׁט אָן קַיין בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת, אוּן אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן, מֶען הָאט אֵיינֶעם פַארְשֶׁעמְט - הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוֹיף דֶעם בִּיז מֶען בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מַרְבֶּה שָׁלוֹם.

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן - וֶועלְן מִיר זֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶעס וָואס מִיר וַוארְטְן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶעם סִיפּוּר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַז אַלֶע וַוייבֶּער וָואס זֶענֶען אִין אוּנְזֶער קְהִילָה - זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט דִי קְהִילָה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים פוּן דִי שְׁטַארְקֶע יְסוֹדוֹת, אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; דַארְף מֶען אִים פָאלְגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף, אַז אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר אוּן מֶען זֶעט דָאס אַרוֹיס - וֶועט אִין דֶעם שְׁטוּב זַיין דַחְקוּת וַעֲנִיוּת, מֶען וֶועט זִיךְ זֵייעֶר מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁה לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ' דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁה לְבַר' אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר זָאל מֶען זִיךְ מְקַבֵּל זַיין דִי זַאךְ אִין צְנִיעוּת, מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וֶועגְן דָאס בִּיסְל הָאר, אָבֶּער וָואס זָאל מֶען טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט צוּ לַיידְן וִוי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן". עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ טִיכְל אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר וִוי צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, אָבֶּער אַלֶע צַדִיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן

דוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, וְוִי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר״.

**מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ וְוִיל דִיר שְׁרַייבְּן פוּן אוּנְזֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה:**

דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט וָואס מֶען קֶען - גֵייט מֶען אַרִיבֶּער צוּם צִיוּן (אַז מֶען קֶען קוֹדֶם גֵיין אִין מִקְוֶה - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים). מֶען גֵייט צוּם צִיוּן מִיט כָּבוֹד, אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי וְוִי עֶס פַּאסְט. מֶען גֶעבְּט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן נָאכְן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי זָאגְן מִיר דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז דִי אַפֶּערַאצִיֶע, דֶער רֶבִּי מַאכְט אַן אַפֶּערַאצִיֶע אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּטְן, דִי עֲבֵירוֹת, אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס אָפְּוַואשְׁן דִי בְּלוּט מִיט דִי אֵייטֶער.

בַּיים צִיוּן עֶסְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען טְרִינְקְט נִישְׁט, דֶער צִיוּן אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פוּן פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ׳; דֶער צִיוּן אִיז קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, מֶען דַארְף דָאס הִיטְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## קוֹיף אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ אַז זִי שִׁיקְט דִיךְ קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּם צוּם רֶבִּי׳ן מִיט זְכוּתִים, מִיט מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי מְפִיצִים פַארְנֶעמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע אַ פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי׳ן; דָאס וְוִיל דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת אוֹיבְן אִין הִימְל; בַּיים

אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ אִיד וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעטֶע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:) 'תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדֵל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא' קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא' דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. 'וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי' עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, 'וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי' אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, 'כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי', קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, 'עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ' עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מִיר פָאְרן שׁוֹין קַיין אוּמַאן, קוֹיף אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ אַז זִי שִׁיקְט דִיךְ קַיין אוּמַאן, זִי מַאכְט דִיר נִישְׁט דֶעם טוּיט אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט - וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מַיין עֶרְשְׁטֶע יָאר קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשס"ו - אִיךְ זָאל קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר מַיין וַוייבּ אַז זִי אִיז נִישְׁט קַיין אָפְּהַאלְט אוֹיף דִי נְסִיעָה.

נֶעם מִיט שְׁמִירָה פַארְן וֶועג, נֶעם מִיט סְפָרִים פַאר דִי מְפִיצִים. רוּף אַרַיין צוּ קֶרֶן הַדְפָּסָה בֶּעטְן אַ פֶּעקְל סְפָרִים מִיט צוּ נֶעמֶען קַיין אוּמַאן, דִי סְפָרִים וָואס מֶען נֶעמְט מִיט פַאר הֲפָצָה - אִיז אַ שְׁמִירָה פַאר דִי רֶענְצְלֶעךְ אַז עֶס זָאל אָנְקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, עֶפְנְט זִיךְ דִי הִימְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן דִי יָאר נָאךְ צְוֵויי שַׁבָּתִים, דִי וָואךְ אוּן נָאךְ אֵיין שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): ״אִלְמָלֵי מְשַׁמְּרִין יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת כְּהִלְכָתָן מִיַּד נִגְאָלִים״, וָואלְט מֶען גֶעהִיטְן צְוֵויי שַׁבָּתִים וָואלְט מֶען גְלַייךְ גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט; לָאמִיר דֶעם שַׁבָּת אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת - זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין בִּיטֶערְן גָלוּת.

פַאְרלֵייג זִיךְ זֵייעֶר צוּ זַיין מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ דֶעם שַׁבָּת, לָאז נִישְׁט דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם זִיצְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, לָאז נִישְׁט דִי קְלִיפּוֹת אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ. דֶער חִידָ״א שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ), אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָּר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם - דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי אוּן עֶר וֶוערְט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן פוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ.

אַז מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ לִיבּ - עֶפְנְט זִיךְ דִי הִימְל אוּן עֶס קוּמְט לִיבְּשַׁאפְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען וַוייסְט אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז דִי וַוייבּ אִיז אוֹיךְ אֱלֹקוּת - עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי הִימְל אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה.

אַ גוּט שַׁבָּת, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס

אַלֶע בָּחוּרִים גֵייעֶן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַלֶע זֶענֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הוּט אוּן רֶעקֶל אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט, מֶען גֵייט אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ פוּן דִי דִירָה פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי חַיִים קַנְיֶיבְסְקִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, קֵיינֶער שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט, יֶעדֶער וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם צַדִיק.

דֶער צַדִיק וִויל נִישְׁט מְבַטֵל זַיין פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוינְטְשְׁט עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם אִין קוּרְצְן: "בוּהַא", דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "בְּרָכָה וְהַצְלָחָה", אַזוֹי קֶען עֶר שְׁנֶעלֶער צוּרִיק גֵיין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אֵיין בָּחוּר בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, דֶער צַדִיק קוּקְט אַוֶועק אוּן וִויל אִים נִישְׁט וִוינְטְשְׁן, דֶער בָּחוּר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּער צוּ גֵיין, דֶער צַדִיק גֶעבְּט אַ קוּק אוֹיפְן בָּחוּר אוּן קוּקְט גְלַייךְ אַוֶועק, עֶר וִויל אִים נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן, דִי גַבָּאִים זָאגְן: "דֶער בָּחוּר הָאט נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה", דֶער צַדִיק זָאגְט: "וִוי קֶען אִיךְ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה



אַ פָּנִים פוּן אַ צִיג

פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב? פַאר אֵיינֶער וָואס עֶסְט מִילְכִיגְס וֶוען עֶר אִיז פְלֵיישִׁיג - גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין בְּרָכָה!"

דֶער בָּחוּר הָאט דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט מוֹדֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹדֶה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן עֶסְן מִילְכִיגְס וֶוען אִיךְ בִּין פְלֵיישִׁיג, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מִילְכִיגֶע שָׁאקָאלַאד אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ עֶס דָאס אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין פְלֵיישִׁיג".

דִי גַבָּאִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: "וִוי אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק גֶעוִויסְט אַז דֶער בָּחוּר עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב?" זָאגְט דֶער צַדִיק: "אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין פָּנִים אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף זַיין פָּנִים אַ צִיגֶעלֶע, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, אַז וֶוער עֶס עֶסְט בָּשָׂר בְּחָלָב - וֶוערְט זַיין פָּנִים וִוי אַ פָּנִים פוּן אַ צִיגֶעלֶע, מֶען פַארְלִירְט דִי מֶענְטְשְׁלִיכֶע פָּנִים".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען דַארְף עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'עֶ עֶסְן, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶסְן בָּשָׂר בְּחָלָב, אֲפִילוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים, אוּן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אַ צַדִיק.

ב"ה

שבת קודש
פרשת כי תצא
תשפ"ד לפ"ק

# מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

## ליקוטי מוהר"ן
עם פירוש שפתי תפתח, סימן ה'

1 ערשטע פאזע:
ניקוד והגהה

## עצתו אמונה
חלק א'

עודך!

1 ערשטע פאזע:
הגהה

## איש אמונות
תש"פ חלק ב'

1 ערשטע פאזע:
הגהה

מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער או-דזשעי-סי אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה',
רופט שוין אן ר' ישעי' אידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות: 347.831.1391

dominogrp.com